Publié par l'Association pour l'Étude et la Diffusion de la Culture Yiddish et la Bibliothèque Medem avec le concours de la Direction Générale à la Langue Française et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 7, נומער 4 (34)

סיוון תשס״ב/יוני 2002

# פֿון איין אַוואַנטורע צו אַן אַנדערע

## דאָס ייִדיש־פֿראַנצייזישע ווערטערבוך איז אַרויס

פֿאַראַן מענטשן וואָס וואַרטן אויפֿן נײַסטן אַמעלי נאָטאָמב[1], דעם נײַסטן מערי היגינס קלאַרק, דעם נײַסטן האַרי פּאָטער. אָבער ס'איז פֿאַראַן אַ בוך וואָס מע האָט געוואַרט אויף אים מיט נאָך אַ גרעסערן פֿאַרלאַנג[2] – דאָס ייִדיש־פֿראַנצייזישע ווערטערבוך !

דאָס פֿריִערדיקע ווערטערבוך, פֿון שמואל[3] קערנער און נח[4] גריס, וואָס איז דערשינען אין 1982, איז געווען אויסגעשעפּט[5], און כאָטש ס'איז ניט געווען אַזוי אַרומנעמיק[6] איז עס געווען אַלץ וואָס האָט עקסיסטירט אויף פֿראַנצייזיש. מענטשן האָבן געגאַרט[7] נאָך דעם מינדסטן עקזעמפּלאַר, אויסבײַטנדיק אַדרעסן מיט מינעס[8] פֿון קאָנספּיראַטאָרן ! אַ גאַנצע אַוואַנטורע... אַן אַנדער אַוואַנטורע האָבן איבערגעלעבט די צוויי מחברים[9] פֿונעם נײַעם ווערטערבוך. ביידע זענען לערערס אין פּאַריזער אוניווערסיטעטן, יצחק[10] ניבאָרסקי אינעם אינסטיטוט פֿאַר מיזרחדיקע שפּראַכן[11] און אין פּאַריז 7, בערל ווײַסבראָט אין פּאַריז 8. ביידע שטאַמען פֿון ייִדיש־רעדנדיקע משפּחות[12]. און ביידע האָבן שוין אַ גוטע פּראַקטיק אין רעדאַגירן ווערטערביכער.

### פֿאַר לייענערס און סטודענטן

זייער מיטאַרבעטער, שמעון[13] נויבערג, איז אַ ייִדיש־פּראָפֿעסאָר אין טרירער אוניווערסיטעט.

פֿאַר וואָס טאַקע האָבן זיי אונטערגענומען אַזאַ אַרבעט ? ווײַל ס'איז זיי געווען קלאָר אַז מע וואָלט געדאַרפֿט האָבן אַ גרויס און אַרומנעמיק ווערטערבוך, וואָס זאָל דינען ווי אַ פֿאַרלאָזלעכער[14] מכשיר[15] פֿאַר ייִדיש־סטודענטן און סתּם[16] לייענערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. די נייטיקע פֿאָנדן פֿאַר אַזאַ אַרבעט האָבן געגעבן דער אייראָפּעיִשער פֿאַראיין[17] און אויך אַנדערע אינסטיטוציעס און יחידים[18]. אין 1996 האָבן די רעדאַקטאָרן אָנגעהויבן די גרויסע אַרבעט פֿון צונויפֿשטעלן דאָס נײַע ווערטערבוך. זיי האָבן זיך געשטיצט[19] אויף די שוין פֿאַראַנענע[20] לעקסיקאָגראַפֿישע ווערק (דער עיקר[21] אויפֿן ענגליש־ייִדיש/ ייִדיש־ענגלישן ווערטערבוך פֿון אוריאל[22] ווײַנרײַך, דעם ייִדיש־ענגליש־העברעיִשן פֿון אַלכּסנדר[23] האַרקאַווי און דעם *אוצר*[24] *פֿון דער ייִדישער שפּראַך* פֿון נחום[25] סטוטשקאָוו), אויף ליטעראַטור און פּרעסע, אויף ייִדיש־רעדנדיקע אינפֿאָרמאַנטן און אויך אויף זייערע אייגענע קענטענישן. אַ קאָמפּיוטער־מבֿין[26], בערטראַן לעדען, האָט גענומען זיך ראַנגלען מיט די גאָר קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פֿונעם זעצן און אויסשטעלן אַ צווייִשפּראַכיק ווערק מיט ייִדישע און לאַטײַנישע אותיות[27]. אין משך פֿון[28] 6 יאָר האָבן די מחברים צונויפֿגעזאַמלט און אָפּגעטײַטשט 37000 ווערטער. דער רעזולטאַט שטעלט מיט זיך פֿאָר[29] דאָס פֿולשטענדיקסטע[30] צווייִשפּראַכיקע ייִדיש־ווערטערבוך ביז הײַנט צו טאָג.



▲פֿון רעכטס : בערל ווײַסבראָט און יצחק ניבאָרסקי

דאָס ווערטערבוך וועט צו ניץ קומען אי דעם ברייטן עולם[31] אי סטודענטן, פֿאָרשערס און איבערזעצערס. נישט פֿראַנצייזיש־רעדנדיקע קענען דאָס אויך ניצן, אַפֿילו אויב זיי וועלן זיך דאַרפֿן אויסהעלפֿן מיט אַ צווייט ווערטערבוך, ווי פֿראַנצייזיש־רעדערס האָבן עס יאָרן לאַנג געטאָן מיט ווײַנרײַך. דאָס ווערק נעמט אַרײַן אַ ברייטן ווערטער־אוצר[32] מיט אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, זעלטענע ווערטער, דיאַלעקטאַלע

[סוף זײַט 8]



1. best-selling French writer 2. désir/longing 3. shMUEL 4. NOYEKh 5. épuisé/out of print 6. complet/comprehensive 7. convoitaient/craved 8. mines/looks, appearance 9. MEKhABRIM auteurs/authors 10. YITSKhOK 11. MIZREKhDIKE... langues orientales (INALCO)/Institute of Oriental Languages 12. MISHPOKhES familles/families 13. shIMEN 14. fiable/reliable 15. MAKhSHIR outil/tool 16. STAM simples/ordinary 17. Union européenne/European Union 18. YEKhIDIM particuliers/individuals *sing.* יחיד YOKhED 19. se sont appuyés/relied 20. existants/existing 21. DER IKER principalement/mainly 22. URIEL 23. ALEKSANDER 24. OYTSER trésor/treasure *ici/here* Thesaurus 25. NOKhEM 26. MEYVN expert 27. OYSYES caractères/characters *sing.* אות OS 28. ...MESHEKh...en l'espace de/for 29. פֿאָרשטעלן מיט זיך constituer/constitute 30. le plus complet/the most comprehensive 31. OYLEM public 32. vocabulaire/vocabulary

# דאָס אומבאַוווּסטזיַין[1] פֿון שפּראַכן

דעם 4טן מאַרץ 2002 איז פֿאָרגעקומען אין אוניווערסיטעט פּאַריז 7 אַן אינטערנאַציאָנאַלער סימפּאָזיום אויף דער טעמע „ייִדיש און דאָס אומבאַוווּסטזיַין פֿון שפּראַכן“. די אָרגאַניזאַציע פֿונעם סימפּאָזיום איז געווען אַ בשותּפֿותדיקע[2] איניציאַטיוו פֿון מאַקס כּהן[3] און זשאַן בוימגאַרטן[4]. מאַקס כּהן איז אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער פֿון דער לאַקאַנישער שול[5], אַ לערער אין אָפּטיילונג פֿאַר קלינישע וויסנשאַפֿטן[6] אין אוניווערסיטעט פּאַריז 7 און אויך אַ ייִדישיסט. זשאַן בוימגאַרטן איז אַ פֿאָרשער אין פֿראַנצייזישן צענטער פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג[7], אַ ספּעציאַליסט אויף אַלט־ייִדישער ליטעראַטור.

אויף דעם סימפּאָזיום האָבן זיי פֿאַרבעטן פּערזענלעכקייטן פֿון פֿאַרשיידענע געביטן[8] : פֿאָרשער אין ייִדישע שטודיעס, פּסיכאָאַנאַליטיקערס און ייִדיש־טוערס. דאָס רובֿ[9] אָנטייל־נעמערס[10] האָבן געקענט ייִדיש און די וואָס זענען נישט געווען קיין ייִדיש־רעדנדיקע האָבן באַהאַנדלט די פֿראַגע אין אַ ברייטערן זינען. דער ציל איז געווען צו באַטראַכטן פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון אומבאַוווּסטזיניקע מאָטיוואַציעס און אויפֿפֿירונגען אַרום רעדן (אָדער נישט רעדן) ייִדיש.

## ווי אַ לשון

בדרך־כּלל[11] רעזומירט מען די פֿילטיַיטשיקע[12] פּסיכאָאַנאַליטישע טעאָריע פֿון זשאַק לאַקאַן אין איין זאַץ : „דאָס אומבאַוווּסטזיַין איז געבויט ווי אַ לשון[13]“. אפֿשר[14] איז עס טאַקע געבויט ווי מאַמע־לשון[15]! דערצו וואָלט מען אַפֿילו געקענט טראַכטן אַז די אויפֿפֿירונגען[16] פֿון אַ סך ייִדן לגבי[17] דער ייִדישער שפּראַך זענען אונטער דעם איַינפֿלוס פֿון סתּירותדיקע[18] עמאָציעס און אומזעיִקע כּוחות[19] וואָס שוועבן אין דעם אומבאַוווּסטזיַין.

די רעפֿעראַטן וואָס מע האָט געקענט הערן אויפֿן סימפּאָזיום זענען געווען זייער פֿאַרשיידן, און עס איז שווער זיי צו פֿאַרסך־הכלען[20] אין אַ פּאָר זאַצן. אַלע צוזאַמען האָבן געשאַפֿן אַ סוביעקטיוו בילד פֿון דער ייִדיש־פּראָבלעמאַטיק. מע האָט גערעדט וועגן פֿראַגעס ווי : די באַציִונגען צווישן ייִדיש און דיַיטש, די נעגאַטיווע באַציִונג פֿון די קריסטלעכע דיַיטשע פֿילאָלאָגן לגבי דער שפּראַך אין 18טן און 19טן יאָרהונדערט, ייִדיש ווי די שפּראַך פֿון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, דער חורבן[21] ווי אַן עקראַן צו די ייִדישע פּסיכאָלינגוויסטישע פּראָבלעמען, דער איַינפֿלוס פֿון עמיגראַציע אויפֿן באַרג־אַראָפּ[22] פֿון ייִדיש, און דאָס לערנען זיך ייִדיש היַינט צו טאָג. דער סימפּאָזיום האָט זיכער נישט אויסגעשעפּט[23] דעם ענין[24], אָבער אפֿשר קען מען זאָגן אַז ער האָט באַוויזן אַרויסצוהייבן ניַיע ענטפֿערס אַנשטאָט די אייביקע אויסגעדראָשענע[25] אידעעס.



▲זיגמונד פֿרויד אין זיַין קאַבינעט



## אַ שטיקל ביבליאָגראַפֿיע

- פֿרויד, זיגמונד : די פּסיכאָ־לאָגיע פֿון די מאַסן און דער אַנאַליז פֿון מענטשלעכן „איך“, איבערגעזעצט פֿון שׂרה לערמאַן [פּסעוודאָנים פֿון מאַקס וויַינריַיך], וואַרשע, 1928
- פֿרויד, זיגמונד : אַריַינפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז, איבערגעזעצט פֿון מאַקס וויַינריַיך, ווילנע, 1936-1938
- פֿרויד, זיגמונד : די צוקונפֿט פֿון אַן אילוזיע, איבערגעזעצט פֿון י. ראָדניק, קליוולאַנד, 1932
- קיִאַק, משה : פֿרויד און דער פּסיכאָאַנאַליז, בוענאָס־איַירעס, 1971

1. l’inconscient/the unconscious 2. BESHUTFESDIKE commune/joint 3. Max Kohn 4. Jean Baumgarten 5. école lacanienne/Lacanian school 6. département des sciences cliniques/Department of Clinical Sciences 7. C.N.R.S./National Center of Scientific Research 8. domaines/fields 9. ...ROV la plupart/most of 10. participants 11. BEDEREKH-KLAL généralement/usually 12. aux multiples significations/having multiple meanings 13. LOSHN langue/language 14. EFSHER peut-être/perhaps 15. ייִדיש 16. comportements/behavior 17. LEGABE à l’égard de/in relation to 18. STIRESDIKE contradictoires/contradictory 19. ... KOYKHES forces invisibles/invisible forces 20. FARSAKHAKLEN résumer/summarize 21. KHURBM Shoah 22. déclin/decline 23. épuisé/exhaust 24. INYEN sujet/subject 25. rebattus/trite, hackneyed.

# דאָקטער...
# צי בין איך פּערווערס ?

## אַ ייִד ליגט אויף אַ דיוואַן
## און רעדט צו זײַן פּסיכאָאַנאַליטיקער.



זיגמונד פֿרויד▲

פּאַציענט : אוי, דאָקטער, איך וויל עס טאָן אָבער איך שעם זיך.

דאָקטער : מע דאַרף זיך ניט שעמען. דערציילט.

פּאַציענט : איך האָב געהאַט אַ חלום[1] : איך שטיי אין מיטן פֿון אַ קרײַז מענטשן און איך טו עס, און פּלוצלינג כאַפּ איך זיך[2] וואָס איך טו און איך שעם זיך אַזוי שטאַרק...

דאָקטער : הם... דערציילט מיר וועגן אײַער מאַמען.

פּאַציענט : מײַן מאַמע פֿלעגט זאָגן : דאָס פּאַסט ניט פֿאַר אַזאַ גרויס ייִנגל. עס מאַכט נישט אויס ווען דו ביסט אַליין מיט מיר אָבער ס׳איז אַ שאַנדע פֿאַר די שכנים[3] !

דאָקטער : דאָס זעט אויס ווי דער עדיפּוס... און דער טאַטע ?

פּאַציענט : דער טאַטע פֿלעגט ווערן שרעקלעך אין כּעס[4] און שרײַען אַז אַ לײַטישער בחור[5] פֿירט זיך ניט אַזוי און אַז איך וועל גאָרניט דערגרייכן אין לעבן.

דאָקטער : אַוודאי[6], אין גאַנצן בלאָקירט דורך אַ שטרענגן פֿאָטער...

פּאַציענט : אָבער מײַנע טאַטע־מאַמע, זיי פֿלעגן עס יאָ טאָן צוזאַמען, איך געדענק עס גאַנץ גוט.

דאָקטער : הם... נאָך אַ טראַוומע פֿון דער פּרימיטיווער סצענע...

פּאַציענט : די מאַמע האָט מיר געזאָגט אַז כ׳פֿלעג עס אַליין טאָן ביז פֿיר יאָר.

דאָקטער : דאָס איז דאָך נאָרמאַל אין דער אַנאַלער פֿאַזע...

פּאַציענט : און זינט דעמאָלט קען איך עס שוין ניט טאָן – איך שעם זיך צו פֿיל.

דאָקטער : איר לײַדט פֿון אַ שיפֿלות־קאָמפּלעקס[7].

פּאַציענט : איך האָב געהערט אַז הײַנט צו טאָג זײַנען פֿאַראַן מענטשן וואָס טוען עס מיט זייערע אייגענע קינדער...

דאָקטער : איר ווייסט, אַזוי פֿירט מען זיך בײַ אַ סך פֿעלקער...

פּאַציענט : איך וואָלט עס אויך געוואָלט טאָן, אָבער איך קען ניט... דאָקטער, איר קענט מיר העלפֿן ?

דאָקטער : אַוודאי, איר קענט צו מיר קומען אויף פּסיכאָאַנאַליז – ס׳וועט דויערן אַ 10-15 יאָר.

פּאַציענט : אַזוי לאַנג ? ניטאָ קיין גיכערע טעראַפּיע ?

דאָקטער : יאָ, ס׳איז דאָ ערטער ווו מע טוט עס אין אַ גרופּע...

פּאַציענט : אַ גרופּע ? אוי, דאָקטער, עס ווערט מיר שלעכט !

דאָקטער : דאָס איז אָבער דער בעסטער אופֿן[8] בײַצוקומען דעם אָפּהאַלט[9]. מײַן עצה[10] איז : גייט פֿאַרשרײַבט זיך אויף אַ ייִדישקורס און איר וועט זיך גיך אויסלערנען ווי אַזוי צו רעדן ייִדיש און זיך נישט שעמען !

1. khOLEM rêve/dream 2. je me rends compte/I realize 3. … shkhEYNIM une honte devant les voisins/a disgrace in front of the neighbors 4. …KAS en colère/angry 5. …BOKhER un jeune homme comme il faut/a proper young man 6. AVADE bien sûr/of course 7. shIFLES… complexe d'infériorité/inferiority complex 8. OYFN façon/way 9. vaincre l'inhibition/overcome the inhibition 10. EYTSE conseil/advice.

הײַנטצײַטיקע שאַפֿונגען

## פֿרוידיאַנישער וואַלץ[1]

אַ ליד פֿון זשאַק גראָבער

איך בין געווען אין ווין[2]
בײַם גאָט פֿון מעדיצין.
אַז כ׳בין אַרויס פֿון בויד[3],
בין איך געלאָפֿן צום דאָקטער פֿרויד !

– גוט מאָרגן, ד״ר ייִד !
איך בין פֿון רײַזע מיד,
אַזוי מיד פֿונעם שפּאַן[4],
טאָ ווײַזט מיר ווו איז אײַער דיוואַן[5] !

– *אַך, קאָמען זי, מײַן הער[6] !*
– איך הייס וואָלף־לייבל בער.
– *עס קלינגט אײַן ביסן ווילד !*
– איך בין ניט קיין מלאך[7], ס׳איז ניט מײַן שילד[8]!

– *אַך יאַ, אונד וואַס איז לאָס[9] ?*
– עס וואַקסט מיר אַ נעווראָז !
– *ווי גייט׳ס מיטן עדיפּוס ?* – עדיפּ ?
עס גיט טייל מאָל אַ שטאָך[10] און טייל מאָל אַ ציפּ[11] !"

גערעדט מער ווי אַ שעה[12] !
געפּילפּולט[13] דאָרט און דאָ !
ס׳איז טרוקן מיר אין האַלדז
און עס דרייט זיך דער קאָפּ *„ווי נאַך אײַנעם וואַלס !"*



דער זינגער ◄
און מחבר פֿון
ייִדישע זינגלידער
זשאַק גראָבער

1. Valse freudienne/Freudian Waltz 2. Vienne/Vienna 3. coche/coach 4. *ici* long parcours/*here* long journey 5.divan/ couch 6. ווי איר קענט אַליין באַמערקן, איז דאָס ניט ייִדיש ; הער פּראָפֿעסאָר פֿרויד רעדט, נאַטירלעך, אויף דײַטש ! 7. MALEKh ange/angel 8. faute/fault -דיאַ וואָס לעקטאַלער אַרויסרעד פֿון „שולד" איז דער פּראָבלעם ? וואָס טויג נישט ? 10. pique/stab 11.pincement/ twinge דיאַלעקטאַלער אַרויסרעד פֿון „צופּ" 12. shO heure/hour 13. GEPILPLT discutaillé/split hairs.

# פֿאָעטן־פֿרילינג[1] אין דער מעדעם־ביבליאָטעק

**איין מאָל אַ יאָר, פֿרילינגצײַט, קומט פֿאָר אין פֿראַנקרײַך אַ פֿײַערונג[2] לכּבֿוד[3] פּאָעזיע. הײַיאָר האָט אויך די מעדעם־ביבליאָטעק אין פּאַריז אָנטייל גענומען אין דעם „פּאָעטן־פֿרילינג", און געווידמעט אַ גאַנצן אָוונט דעם ייִדישן שרײַבער אַהרן[4] צייטלין**

ס'איז נישט קיין צופֿאַל וואָס מע האָט אויסגעקליבן דווקא[5] דעם פּאָעט. די מעדעם־ביבליאָטעק האָט פֿון יאַנואַר ביז אָנהייב יוני אָרגאַניזירט אַ גאַנצע ריי אַקטיוויטעטן אַרום דעם באַוווּסטן ייִדישן פּראָזאַיִקער יצחק[6] באַשעוויס־זינגער. ביידע שרײַבער, צייטלין און באַשעוויס, האָבן ניט בלויז געהערט צו דעם זעלביקן דור[7] און פֿאַרבראַכט זייערע יונגע יאָרן אין וואַרשע, נאָר זיי זענען אויך געווען גאָר נאָענטע פֿרײַנד און האָבן זיך צוזאַמען באַטייליקט אין קולטורעלע אונטערנעמונגען. זייערע אויסדריק־מיטלען[8] זענען געווען אַנדערש: באַשעוויס האָט געשריבן דערציילונגען און ראָמאַנען, צייטלין – אַחוץ איין איינציקן ראָמאַן – האָט זיך אָפּגעגעבן דער עיקר[9] מיט פּאָעזיע און דראַמע, נאָר זייערע אינטערעסן, טעמעס און אַפֿילו מאָטיוון זענען געווען נאָענט. ביידע האָבן גוט געקענט די ייִדישע מיסטיק און אויך די וועלט־פֿילאָסאָפֿיע, און ביידע האָבן זיך פֿאַרטיפֿט אין דער פּראָבלעמאַטיק פֿונעם געראַנגל[10] צווישן גוטס און שלעכטס, גאָט און שׂטן[11], גלויבן און ספֿקות[12], פֿאַרצווייפֿלונג[13] און גאולה[14].

בעת[15] דעם אָוונט אין דער מעדעם־ביבליאָטעק האָט יצחק ניבאָרסקי – אַ פֿאָרשער פֿון צייטלינס שאַפֿונג – פֿאָרגעשטעלט דאָס לעבן און ווערק פֿונעם מחבר[16]; נאָך דעם האָט בתיה בוים[17] פֿאָרגעלייענט פֿון צייטלינס פּאָעזיע אין ייִדישן אָריגינאַל און אין איר אייגענער איבערזעצונג אויף פֿראַנצייזיש.



▶ אהרן צייטלין
געצייכנט דורך
מיכאל מילערבערג

## די זון האָט געפּלאַצט[1]

די זון האָט געפּלאַצט
ווי אַ האַרץ פֿול אַנטוישונג[2].
עס רוישן[3] נאָך איר
שוואַרצע ביימער אַ רוישונג.
די זון האָט געפּלאַצט.

אַ מענטש צינדט אַ לאָמפּ.
ער האָט מורא[4], האָט מורא:
אין ווינקל, אָט דאָרט,
זיצט די פֿרוי מרה־שחורה[5] – –
אַ מענטש צינדט אַ לאָמפּ.

ס'איז פֿינצטער דער גאַס –
צינדט זי אָן אַ לאַמטערן,
און גאָט איז פֿאַרזאָרגט[6] –
זוכט ער טרייסט בײַ די שטערן.
און גאָט איז פֿאַרזאָרגט – –

1. éclaté, crevé/burst, gave out 2. déception/disappointment 3. bruissent/rustle, rumble 4. ...MOYRE il a peur/he's afraid 5. MORESHKHOYRE mélancolie/melancholy 6. inquiet/worried, troubled.

## אַ שטיקל ביבליאָגראַפֿיע


אַהרן צייטלין, געזאַמלטע לידער (3 בענד), ניו־יאָרק, 1947-1957

אַהרן צייטלין, לידער פֿון חורבן און לידער פֿון גלויבן (2 בענד), תּל־אָבֿיבֿ 1967-1972

אלחנן צייטלין, אין אַ ליטעראַרישער שטוב, וואַרשע, 1937

Yitskhok Niborski, Mysticisme et écriture : l'œuvre et la pensée d'Aaron Zeitlin, Paris, 1992 (thèse)


1. «Printemps des Poètes»/«Springtime of Poets», a yearly event in honor of poetry 2. célébration 3. LEKOVED en l'honneur de/in honor of 4. ARN 5. DAFKE justement/in particular 6. YITSKHOK 7. DOR génération 8. moyens d'expression/means of expression 9. DER IKER surtout/mainly 10. lutte/struggle 11. SOTN Satan 12. SFEYKES doutes/doubts 13. désespoir/despair 14. GEULE rédemption 15. BEYS pendant/durant 16. MEKHABER auteur/author 17. BASYE Batia Baum איבערזעצערין פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אויף פֿראַנצייזיש.

# אַהרן צייטלין (1973–1898)

אַהרן צייטלין שטאַמט פֿון אַ משפּחה ליטעראַטן[1], וואָס איז אַ גאַנץ זעלטענע דערשײַנונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור. זײַן טאַטע, הלל[2] צייטלין (1942-1872), אַן אָנהעגנער פֿון דער חסידישער באַוועגונג חב"ד[3] און אַ קענער פֿון שפּינאָזאַ און ניטשע, איז געווען אַ באַוווּסטער העברעיִש־ייִדישער שרײַבער און פּובליציסט. אַהרנס ברודער, אלחנן[4], איז אויך געווען אַ שרײַבער און זשורנאַליסט, אַ מחבר[5] פֿון אַ בוך זכרונות[6] „אין אַ ליטעראַרישער שטוב".
אַהרן האָט געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג בײַם טאַטן און אין אַ חדר מתוקן[7], האָט געענדיקט אַ העברעיִש־פּוילישע גימנאַזיע און איז אויך געווען אַ פֿרײַער צוהערער[8] אויף אוניווערסיטעט־קורסן. ווי אַ סך אַנדערע ייִדישע שרײַבער פֿון זײַן דור איז ער אָבער געווען דער עיקר[9] אַן אויטאָדידאַקט, אַ סך געלייענט – קבלה[10], אייראָפּעיִשע פֿילאָסאָפֿיע און וועלט־ליטעראַטור. איינער פֿון זײַנע פֿרײַנד, דער פּאָעט און ליטעראַטור־קריטיקער מלך[11] ראַוויטש האָט וועגן אים געשריבן : איך האָב אים קיין מאָל ניט געזען טאָן עפּעס אַנדערש ווי לייענען אָדער שרײַבן.



▲ פֿון רעכטס : מלך ראַוויטש, אַהרן צייטלין, יצחק באַשעוויס, יוסף אָפּאַטאָשו, יוסף קירמאַן און קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

## לידער, פּיעסעס און איין ראָמאַן

אַהרן צייטלין האָט אויסגעפּרוּווט פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע זשאַנערס. דעביוטירט האָט ער מיט לידער – ערשטנס מיט קינדער־לידער אויף העברעיִש און אַ פּאָעטישן טעקסט אויף אַ מאָטיוו פֿון קבלה אויף ייִדיש (אין

[סוף זײַט 8]

1. mishpoke… une famille d'écrivains/a family of writers 2. hilel 3. khabad le mouvement hassidique Habad/the hasidic movement Habad 4. elkhonen 5. mekhaber auteur/author 6. zikhroynes mémoires/memoirs 7. kheyder mesukn école religieuse modernisée/modernized religious school 8. auditeur libre/sat in on courses 9. der iker principalement/primarily 10. kabole Cabale/Cabala 11. meylekh

די דרײַ לידער פֿון די זײַטן 4-5 האָט געשריבן אַהרן צייטלין

## זײַן אַ ייִד

זײַן אַ ייִד הייסט אייביק לויפֿן צו גאָט,
אַפֿילו[1] אַז מ'איז אַן אַנטלויפֿער ;
דערוואַרטן צו הערן אַ ליאַדע טאָג[2]
(אַפֿילו אַז מ'איז אַ כּופֿר[3])
ס'קול[4] פֿון משיחס שופֿר[5].

זײַן אַ ייִד הייסט נישט קענען אַרויס פֿון גאָט
אַפֿילו אַז מע וויל עס ;
נישט קענען אויפֿהערן תּפֿילה צו טאָן[6]
אַפֿילו נאָך אַלע תּפֿילות[7],
אַפֿילו נאָך אַלע אַפֿילוס[8].

1. afile même/even 2. un jour ou l'autre, à tout moment/any day 3. koyfer mécréant/non-believer 4. s'kol le son/the sound 5. meshiekhs shoyfer le shofar du Messie /Moshiakh's shofar 6. tfile… prier/to pray 7. tfiles prières/prayers 8. afiles *pluriel inventé de/invented plural form of* אַפֿילו.

## פֿון סיני[1] ביז ניסקע[2]

פֿון משה רבנוס[3] סיני גייט
אַ קייט[4], אַ קייט, אַ גלײַכע קייט
ביז שליסקע[5], ביז ניסקע.

פֿון שליסקע ביז ניסקע,
פֿון מאָראַנאָוו ביז באָניפֿראַטן[6] –
ווינט ס'וואַרשעווער ייִדישע פֿאָלק :
חסידים[7] און, להבֿדיל[8], ווילע יאַטן[9],
ריסטאָקראַטן[10],
בעל־עגלות[11] –
הייס־פֿאַרביקער ייִדישער גלות[12].

איבער וואַרשע גיי איך
און ס'באַגלייט מיך דער טעם[13] און דער ריח[14]
פֿון די נאַינס[15] און די שאָינס[16] און די יאַכן[17],
פֿון די וווּעס[18] און כ'וואַיס־ניש[19] און
גו'ניש־צי־מאַכן[20].
סאַרנע[21] גוייִשקע[22] שפּראַכן
קענען מיט דיר זיך פֿאַרגלאַכן[23],
מוזיק פֿון מײַן וואַרשעווער ייִדיש פֿאָלק !

1. sinay Sinaï 2. אַ ייִדישע גאַס אין וואַרשע 3. moyshe rabeynes de Moïse/Moses's 4. chaîne/chain 5/6. אויך נעמען פֿון וואַרשעווער גאַסן 7. khsidim juifs hassidiques/Hasidim 8. lehavdil excusez la comparaison/excuse my saying them both in the same breath 9. petits voyous/little rascals 10. פֿאָלקישער אַרויסרייד פֿון אַריסטאָקראַטן 11. balegoles cochers/coach drivers 12. goles diaspora 13. tam saveur/flavor 14. reyekh parfum/fragrance 15. אַלע ווײַטערדיקע ווערטער זענען געשריבן ווי אַרויסגערעדט אין וואַרשעווער דיאַלעקט : נאַין=ניין 16. שאָין=שוין 17. יאַך=איך 18. וואָס 19. איך ווייס נישט 20. גאָרנישט צו מאַכן 21. אַ פֿאַר וואָס 22. גוייִשע 23. פֿאַרגלײַכן

## שמעונס שמועסן[1] פֿון שמעון נויבערג (נומער 3)

אַז מע שפּילט זיך שוין אין אַנאַגראַמען, לאָמיר ווײַטער שפּילן ! די חיות[2] האָבן מיר שוין, בלײַבן אונדז די פֿלאַנצן[3] און אַלץ וואָס האָט מיט זיי צו טאָן. די ווײַטערדיקע 15 ווערטער האָבן אַנאַגראַמען, וואָס זענען נעמען פֿון פֿלאַנצן, אָדער וואָס זענען כאָטש[4] אַ ביסל באָטאַניש.
מיר דערמאָנען :
- א, אַ און אָ רעכענען זיך ווי דער זעלביקער אות[5]
- אַ לאַנגע פֿאָרעם פֿון אַן אות רעכנט זיך גלײַך מיט דער קורצער פֿאָרעם
- וי, יי און ײַ רעכנט מען ווי דרײַ פֿאַרשיידענע סימנים[6]

איצט קענט איר שוין געפֿינען „גרינע" אַנאַגראַמען צו די ווײַטערדיקע ווערטער :
אינטים – אָמן[7] – אָרדן – גאַזן – גריסן – וועבער – זאָרג – טיילט – טישן – כאַם[8] – ליב – עכטער – פּאַלטאָ[9] – קעשטעלע[10] – ריפּ[11]

[ענטפֿערס זײַט 8]

1. shimens … דער טיטל איז אַ בײַשפּיל פֿון אַן אַנאַגראַם 2. khayes animaux/animals 3. plantes/plants 4. du moins/at least 5. os lettre/letter 6. simonim signes/signs 7. omeyn amen 8. goujat/boor 9. *variante de/variant of* פּאַלטן manteau, pardessus/overcoat 10. *dim. de/of* קאַשטאַן marron/chestnut 11. côte (os)/rib.

אַן אויסקלײַב פֿון אַרטיקלען דערשינען אין דער ניו־יאָרקער
צײַטונג פֿאָרווערטס פֿון מאַרץ און אַפּריל 2002

# עמך[1] – „שער און פּאַפּיר“[2] : די ייִדישע קונסט פֿון „שבֿועותלעך“[3]

פֿון איציק גאָטעסמאַן (ניו־יאָרק)

די ייִדישע קונסט, ווי יעדער קונסט, האָט פֿאַרשיידענע מינים[4] אויסדריק־פֿאָרמען – מאָלערײַ, אַרכיטעקטור, סקולפּטור, און חפֿצים[5] – וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פֿון מאַטעריאַלן וואָס קענען דויערן הונדערטער, און אַפֿילו טויזנטער יאָר. אָבער עס זענען אויך פֿאַראַן ייִדישע קונסטווערק וואָס ווערן געשאַפֿן נאָר אויף צו דויערן אַ קורצע צײַט – געוויסע געבעקסן, למשל[6], זענען אויך קינסטלעריש געמאַכט. בײַ ייִדן איבער דער וועלט, ספּעציעל בײַ אַשכּנזישע[7] ייִדן, האָט זיך אַנטוויקלט אַזאַ טראַדיציע פֿון פּאַפּירשניטן – אַ קונסט וואָס איז פֿאַרגייִיק[8], עפּעמעריש צוליב דעם מאַטעריאַל מיט וואָס ס'איז געמאַכט. צום גליק, האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן[9] ווונדערלעכע מוסטערן[10] פֿון די אויסגעשניטענע זאַכן, אָדער ווי מע רופֿט זיי אויך אויף ייִדיש, „רייזעלעך“[11] און „שבֿועותלעך“. [...]

אויף צו שנײַדן פּאַפּיר דאַרף מען פֿאַרמאָגן נאָר אַ שערל אָדער מעסערל און אַ בויגן פּאַפּיר; דעריבער איז די קונסט פֿון „שבֿועותלעך“ געוואָרן גאָר פֿאַרשפּרייט און באַליבט, ווײַל אַפֿילו דער אָרעמסטער ייִד האָט געקענט זיך קינסטלעריש אויסדריקן אין דער פֿאָרעם. ווער האָט געשאַפֿן די רייזעלעך ? קודם־כּל[12] די חדר־ייִנגלעך[13] אויף שבֿועות[14] און אַנדערע יום־טובֿים[15]. זייער קונסט איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען מער פּשוט[16]. זיי האָבן איבערגעבויגן פּאַפּיר און אויסגעשוירן פֿאַרשיידענע געאָמעטרי־שע פֿאָרמען און אויפֿגעהאָנגען זייערע שאַפֿונגען אויף די פֿענצטער אין דער היים. די מער פֿעיִקע קינדער האָבן שוין געקענט אַרײַנפֿלעכטן מאָטיוון פֿון חומש[17] אין זייערע רייזעלעך, און אַנדערע טאַלאַנטירטע קינדער האָבן שוין אויסגעשניטן גאָר וואַזשנע[18] רייזעלעך – מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן אָדער אויף פֿערד רײַטנדיקע – און זיי פֿאַרקויפֿט זייערע חבֿרים[19], אָדער סאָלדאַטן. ווען די חדר־ייִנגלעך זענען אויסגעוואַקסן און ווײַטער זיך געוואָלט פֿאַרנעמען מיט קונסט, האָבן זיי געמאַכט מער קאָמפּליצירטע רייזעלעך, אַ מאָל מיט פּסוקים[20] אויסגעשניטן אין מיטן, אָדער אויף די זײַטן. געוויינטלעך האָט מען געשניטן פֿון ווײַסע בויגנס פּאַפּיר און זיי דערנאָך געפֿאַרבט, און אַ מאָל פֿון פֿאַרשיידנפֿאַרביקע פּאַפּירן.




אויסשערערײַ איז נישט נאָר אַ ייִדישע קונסט, מע געפֿינט זי צווישן אַנדערע פֿעלקער איבער דער וועלט. בײַ ייִדן אָבער איז די קונסט אָפֿט געווען פֿאַרבונדן מיט ייִדישקייט, נישט בלויז ווי אַ באַפּוצונג אין די שטיבער אויף שבֿועות, צי אין דער סוכּה[21], נאָר אויך ווי אַ „מיזרח“[22] צי אַ „שויתי“[23], אַ סימן[24] אויף דער וואַנט אָנצוווײַזן די ריכטונג ווו מע דאַרף דאַווענען.

אין אַ נײַ בוך פֿון טראַדיציאָנעלע אויסשערערײַען, רעדאַקטירט פֿון יוסף[25] און יהודית[26] שאַדור, אונטערן נאָמען Traditional Jewish Papercuts, קען מען זען די פּראַכט פֿון דער ייִדישער פּאַפּירקונסט. די רייזעלעך שטאַמען פֿון כּלערליי[27] שטעטלעך, קליינע און גרויסע ; אַ באַווײַז אַז דער ייִדישער קינסטלער האָט געלעבט און געשאַפֿן מיטן מינימאַלן געצײַג[28], ווו נאָר ייִדן האָבן זיך געפֿונען. און נישט סתּם[29] געשאַפֿן, נאָר בײַגעטראָגן[30] צו זייער שטעטלדיקער סבֿיבֿה[31] עכטע מײַסטערווערק.



1. AMKhO le petit peuple/the common people 2. *jeu de mots sur l'expression/pun on the expression* “שער און אײַזן – עמך„ = artisans, travailleurs manuels/craftsmen, those who work with their hands 3. SHVUESLEKh découpages de papier décoratifs faits en particulier pour la fête de Shavouot/decorative paper cutouts made in particular for Shavuoth 4. sortes/sorts 5. KhFEYTSIM objets/objects 6. LEMOShL par exemple/for example 7. ASHKENAZIShE ashkenazes/ashkenazi 8. fugace/impermanent 9. se sont conservés/have been preserved 10. exemplaires/samples 11. rosettes 12. KOYDEMKOL d'abord/first 13. KhEYDER … écoliers/schoolboys 14. SHVUES Shavouot/Shavuoth 15. YONTOYVIM jours de fête/holidays ; *sing.* יום־טובֿ YONTEF 16. POShET simple 17. KhUMESh Pentateuque/Pentateuch 18. remarquables/outstanding 19. KhAVEYRIM amis/friends 20. PSUKIM versets/verses ; *sing.* פּסוק POSEK 21. SUKE *souca*, cabane où on prend les repas pendant la fête de Soucot/booth in which meals are taken during Sukkoth 22. MIZREKh tableau accroché à l'est qui indique la direction de Jérusalem/fixture placed on eastern wall to show the direction of Jerusalem 23. ShIVISI cadre contenant le verset enluminé des Psaumes 17, 8/framed illuminated inscription containing the verse of Psalms Ps 17:8 24. SIMEN signe/sign 25. YOYSEF 26. YEHUDIS 27. KOLERLEY toutes sortes de/all sorts of 28. outils/tools 29. STAM seulement/only 30. a apporté/brought 31. SVIVE milieu.

# דער ייִדישער ראַדיאָ־פּראָיעקט

יעדן דינסטיק, אין מערץ, אַפּריל און מײַ 2002, וועט אַמעריקע קענען הערן די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ראַדיאָ – 1955-1930. די נאַציאָנאַלע נעץ פֿון ראַדיאָ־סטאַנציעס – „די לאַנדישע פֿאָלקס־ראַדיאָ“ (National Public Radio - N.P.R.) – וועט טראַנסמיטירן יעדע וואָך אַ קאַפּיטל פֿון דער געשיכטע, צוזאַמענגעשטעלט פֿון הענעך סאַפּאָזשניק און דייוויד איסיי. הענעך סאַפּאָזשניק איז גוט באַקאַנט דער ייִדישוועלט : דער באַרימטער „קלעזקעמפּ“[1], וואָס קומט פֿאָר יעדן דעצעמבער, איז זײַן אויפֿטו, און זײַן שותּף[2] דייוויד איסיי האָט געוווּנען די מאַקאַרטער־פּרעמיע[3], „די זשעני־פּרעמיע“, פֿאַר זײַן אַרבעט אין די מעדיאַ. קיין סך מאַטעריאַלן זענען נישט געבליבן פֿון דער „גאָלדענער תּקופֿה“[4] פֿון דער ייִדישער ראַדיאָ אין אַמעריקע, אָבער זינט 1985 האָט הענעך סאַפּאָזשניק גענישטערט[5] און געזוכט מיט ליכט[6] אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות[7] צו דער געשיכטע – אויף בוידעמס[8], אין סקלאַדן[9], און אַפֿילו אין מיסטקאַסטנס[10]. ער האָט טאַקע געפֿונען אַלטע ראַדיאָ־פּראָגראַמען אויף ייִדישע און אַנדערע ראַדיאָ־סטאַנציעס, דער עיקר[11] אין ניו־יאָרק, אָבער אויך אין אַנדערע שטעט. די סעריע וועט אַרויסהייבן[12] די שאַפֿערישקייט און פּיאָנערישקייט פֿון די פּערזענלעכקייטן אויף דער ייִדישער ראַדיאָ.

דינסטיק, דעם 19טן מערץ, 4:30 נאָך מיטאָג (ניו־יאָרקער צײַט), וועט זיך אָנהייבן די סעריע. די איבערזעצונגען פֿון די ייִדישע פּראָגראַמען וועלן פֿאָרגעלייענט ווערן פֿון ערשטקלאַסיקע אַקטיאָרן ווי למשל[13] עלי וואַלאַך, קאַרל רײַנער, ישעיה[14] שייפֿער, און אונדזערע אייגענע שטערן־אַקטיאָרן פֿון דער ייִדישער בינע, ווי סימאָר רעכטצײַט, מינאַ בערן, דוד ראָגאָוו, ליליאַן לוקס און פֿעליקס פֿיביך. איין קאַפּיטל וועט זיך אָפּגעבן[15] אין גאַנצן מיט סימאָר רעכטצײַט און מרים קרעסין.

אין די שפּעטע 1920ער יאָרן, נאָך דעם ווי די לעצטע גרויסע כוואַליעס אימיגראַנטן זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָט ראַדיאָ, ווי אַ קאָמוניקיר־מיטל, אָנגעהויבן שפּילן גאָר אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אַמעריקאַנער קולטור. די ייִדישע אימיגראַנטן האָבן וואַרעם אויפֿגענומען די נײַע טעכנאָלאָגיע – שוין אין די אָנהייב 1930ער יאָרן האָט מען געקענט הערן ייִדיש אויף דער ראַדיאָ איבערן לאַנד. אין ניו־יאָרק האָבן מער ווי אַ טוץ[16] סטאַנציעס טראַנסמיטירט אויף ייִדיש דראַמעס, פֿאַרווײַלערישע[17] פּראָגראַמען, אינטערוויוען, רעקלאַמעס[18].



▲ייִדישע אַקטיאָרן רעקאָרדירן אַ ראַדיאָ־פּראָגראַם

אַלע ראַדיאָ־סטאַנציעס האָבן געמוזט, אין די 30ער יאָרן, מאַכן אַ קאָפּיע פֿון אַ רעקאָרדירונג פֿאַר דער פֿעדעראַלער רעגירונג אינעם פֿאַל, אויב עמעצער באַקלאָגט זיך[19] קעגן דער סטאַנציע. אַ דאַנק די־אָ רעקאָרדירונגען, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן אויף אַלומיניום, קען מען הערן די קולות[20] פֿון אַ פֿאַרשוווּנדענער וועלט. [...] צווישן די פּראָגראַמען וועט מען הערן :

**- די ראַדיאָ־דראַמעס פֿון נחום[21] סטוטשקאָוו.** סטוטשקאָוו האָט געשאַפֿן אינטענסיווע, אינטימע עמאָציאָנעלע דראַמעס פֿאַר דער ייִדישער ראַדיאָ. מע קען ממש[22] דערפֿילן דאָס טענעמענט־לעבן[23] אויף דער איסט־סײַד, ווען מע הערט זיך צו. דער „ייִדישער ראַדיאָ־פּראָיעקט“ האַלט אַז סטוטשקאָוו, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ שם[24] אין דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפֿיע מיט זײַנע וויכטיקע ווערק „אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך“[25] און „גראַמען־ווערטערבוך“[26], איז אַ פֿאַרזעענער[27] זשעני פֿון 20סטן יאָרהונדערט. מישאַ סטוטשקאָוו, זײַן זון, געוועזענער אַקטיאָר אינעם טאַטנס טרופּע, וועט זײַן דער נאַראַטאָר פֿון דעם טייל.

**- דער ייִדישער פֿילאָסאָף.** איידער ס'איז באַקאַנט געוואָרן דער נאָמען ד״ר[28] רות וועסטהײַמער[29], איז פּאָפּולער געווען ישׂראל לוצקי, „דער ייִדישער פֿילאָסאָף“ – דער ערשטער בעל־יועץ[30] אויף דער ראַדיאָ. כאָטש ער האָט זיך ספּעציעל מיט מעדיצין נישט פֿאַרנומען, און פֿלעגט אָפֿט באַליידיקן די וואָס האָבן אים געקלונגען, איז ד״ר לוצקי גיך געוואָרן שטאַרק באַליבט בײַם עולם[31].

**- ייִדישע „סווינג“־מעלאָדיעס.** די פּאָפּולערע פּראָגראַם איז טראַנסמיטירט געוואָרן אויף WHN אין ניו־יאָרק פֿון 1938 ביז 1955. די פּראָגראַם איז געווען אַ געמיש פֿון טראַדיציאָנעלער קלעזמער־מוזיק מיט אַמעריקאַנער דזשעז־סווינג מוזיק. קלער בערי פֿון די שוועסטער בערי[32], איז הײַנט די לעצטע פֿון דער טרופּע, און זי וועט זײַן די נאַראַטאָרין.

אין שײַכות מיטן פּראָיעקט, וועלן דערנאָך הענעך סאַפּאָזשניק, דייוויד איסיי, קלעזמאָרים און ייִדישע ראַדיאָ־שטערנס אַרומפֿאָרן איבערן לאַנד און פֿאָרשטעלן אַ פּראָגראַם וועגן דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ראַדיאָ. אין יוני, 2002, וועט מען אַרויסגעבן צום פֿאַרקויף אַ רעקאָרדירונג מיט צוויי קאָמפּאַקטלעך, וואָס נעמט אַרײַן טיילן פֿון די פּראָגראַמען, סײַ מוזיק, סײַ[33] סצענעס און רעקלאַמעס. דערצו, וועט מען קענען אויף דעם וועבזײַטל Yiddishradioproject.org הערן אַ סך מער מאַטעריאַל, בפֿרט[34] אויף ייִדיש, פֿונעם פּראָיעקט.

1. אַ צוזאַמענטרעף וואָס קומט פֿאָר אַלע יאָר אין ניו־יאָרק אַרום ייִדישער מוזיק און געזאַנג 2. shUTEF associé/partner 3. prix McArthur/McArthur Prize 4. …TKUFE âge d'or/Golden Age 5. fouillé/rummaged 6. cherché avec acharnement/sought out 7. shAYKhES rapport/relation 8. greniers/attics 9. entrepôts/warehouses 10. poubelles/rubbish bins 11. … IKER surtout/especially 12. faire ressortir/bring out 13. LEMOShL par exemple/for example 14. YEShAYE 15. sera consacré/will be devoted 16. douzaine/dozen 17. de divertissement/entertainment 18. spots publicitaires/commercials 19. porte plainte/filed a complaint 20. KOYLES voix/voices 21. NOKhEM 22. MAMESh vraiment/really 23. vie dans les taudis /tenement life 24. ShEM réputation 25. OYTSER … Thesaurus de la langue yiddish/Thesaurus of the Yiddish language (New York, 1950) 26. Dictionnaire des rimes/Rhyming dictionary (NewYork, 1931) 27. méconnu/overlooked 28. Dr 29. Ruth Westheimer sexologue, connue pour son émission à la radio 30. BAL-YOYETS conseiller/adviser 31. OYLEM public 32. Barry Sisters, chanteuses célèbres des années 50/singers very popular in the 1950s 33. à la fois … et/both … and 34. BIFRAT particulièrement/especially.

[סוף פֿון זײַט 5]

עלטער פֿון 13 יאָר) און צו 24 יאָר אַרויסגעגעבן אַן אַפּאָקאַליפּטישע פּאָעמע „מטטרון[12]“. מיט אַ יאָר שפּעטער איז אַרויס אַ באַנד פּעסימיסטיש געשטימטע לידער „שאָטנס אויפֿן שניי“. אין די יאָרן 1939-1929 האָט ער אָנגעשריבן צען טעאַטער־פּיעסעס, צווישן זיי „יעקבֿ פֿראַנק[13]“ (1929), אַ דראַמע וועגן דעם פֿאַלשן משיח[14] (אַן ענלעכע טעמע האָט באַשעוויס באַריִרט אין זײַן „דער שׂטן אין גאָרײַ“[15]), „דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן“ (1931) און „די ייִדישע מלוכה[16] אָדער ווייצמאַן דער צווייטער“ (1934), ביידע רעפֿלעקסיעס וועגן דעם גורל[17] פֿון מענטשהייט בכלל[18] און פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק בפֿרט[19] אין אַ סטיל וואָס איז פֿול מיט הומאָר און גראָטעסק.

**א**ין 1932 גרינדט ער צוזאַמען מיט יצחק באַשעוויס און י. י. טרונק אַ ליטעראַרישן זשורנאַל „גלאָבוס“. דאָרטן ווערן געדרוקט, צווישן אַנדערע, אַ טייל פֿון זײַנע פּיעסעס, ווי אויך באַשעוויסעס ערשטער ראָמאַן „דער שׂטן אין גאָרײַ“. אין 1937 פּובליקירט צייטלין זײַן איינציקן ראָמאַן „ברענענדיקע ערד“, וועגן ארץ־ישׂראל אין די יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה[20]. ער פֿאַרנעמט זיך אויך מיט איבערזעצונג : זעצט איבער אויף ייִדיש שעקספּירס „שטורעם“[21] און אויף העברעיִש שלום[22] אַשס ראָמאַן „קיין אַמעריקע“.

## אין ניו־יאָרק

אין 1939 פֿאָרט ער אין ניו־יאָרק, אויף דער פֿאַרבעטונג פֿון מאָריס שוואַרץ פֿון ייִדישן קונסט־טעאַטער, וואָס האָט שוין געהאַט געשטעלט זײַן פּיעסע „כעלעמער חכמים“[23] (1937) און וואָס האָט איצט געוואָלט שטעלן זײַן „אסתּרקע“[24]. איינס פֿון די לידער פֿון דער דאָזיקער פּיעסע, „דאָנאַ, דאָנאַ“, איז געוואָרן גאָר באַקאַנט איבער דער גאַנצער ייִדישוועלט, און איז שפּעטער אַפֿילו אַרײַן אינעם אַמעריקאַנער לידער־רעפּערטואַר אַ דאַנק אַזעלכע זינגער ווי דזשאָן באַעז.

בשעת[25] זײַן באַזוך אין ניו־יאָרק ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה. צייטלין פּרוּווט אַריבערצוברענגען זײַן משפּחה, נאָר עס געלינגט אים ניט[26]. זײַנע עלטערן, דער ברודער, דאָס ווײַב מיטן זון קומען אַלע אום אינעם חורבן[27]. צייטלין בלײַבט אין ניו־יאָרק, ער אַרבעט ווי אַ פּראָפֿעסאָר פֿון העברעיִשער ליטעראַטור אין ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר און גיט זיך אָפּ מיט שרײַבן און איבעראַרבעטן זײַנע פֿריִערדיקע שאַפֿונגען, וואָס ער גיט אַרויס אין דרײַ בענד „געזאַמלטע לידער“ אין די יאָרן 1957-1947. די לעצטע אײַנזאַמלונג פֿון אַלע זײַנע פּאָעטישע ווערק קומט אַרויס אין צוויי בענד, „לידער פֿון חורבן און פֿון גלויבן“ (1970-1967). נאָך זײַן טויט דערשײַנען זײַנע ליטעראַרישע און פֿילאָסאָפֿישע עסייען און צוויי בענד דראַמעס.

**א**הרן צייטלין בלײַבט איינער פֿון די טיפֿסטע שרײַבער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אויסמײַדנדיק די אויסגעטראָטענע וועגן, ניט פֿאָלגנדיק קיין ליטעראַרישע, פּאָליטישע, צי אַפֿילו רעליגיעזע שטרעמונג, האָט ער געשאַפֿן אַן אייגענע, אַרומנעמיקע וויזיע פֿון דער וועלט. אַ שאַרפֿזיניקער, אַ מיסטיקער, מיט אַ נבֿיאישן[28] קוק איבער דער געשיכטע, פֿאַרנעמט ער אַ באַזונדער אָרט אין זײַן דור.

12. METATREN 13. YANKEV … Jacob Frank 14. …MESHIEKh le faux messie/false messiah 15. … SOTN … *La Corne du bélier/Satan in Goray* 16. MELUKhE Etat/state 17. GOYRL destin/fate 18. BIKhLAL en général/in general 19. BIFRAT en particulier/in particular 20. … MILKhOME guerre mondiale/world war 21. *La Tempête/The Tempest* 22. SHOLEM 23. KhELEMER KhAKhOMIM Les Sages de Chelm/Wise Men of Chelm 24. ESTERKE 25. BESHAS pendant/during 26. il ne réussit pas/he does not succeed 27. … KhURBM périssent dans la Shoah/are killed in the Shoah 28. NEVIISHN prophétique/prophetic.

[סוף פֿון זײַט 1]

וואַריאַנטן, ראָשי־תּיבֿות[33], פּרט־נעמען[34] און דערקלערונגען וועגן טערמינען פֿון דער ייִדישער טראַדיציע. עס איז נישט בלויז אַן אויפֿקלײַב[35] פֿון ווערטער, עס פֿירט די באַניצערס בײַ דער האַנט דורכן ייִדישלאַנד. זיי וועלן געפֿינען אָנווײַזונגען וועגן קאָנאָטאַציעס, ניוואָען פֿון שפּראַך און סיטואַציעס ווּ די ווערטער ווערן געניצט. מע גיט אַוודאי דעם אַרויסרעד[36] פֿון לשון־קודש־שטאַמיקע[37] ווערטער אָבער אויך די באַטאָנונג[38] פֿאַר יעדן וואָרט ווּ זי איז אומרעגולער. עס זײַנען אויך פֿאַראַן טאַבעלעס מיט אומרעגולערע פּאַרטיציפּן, פּרעפֿיקסן, סופֿיקסן און – די גרעסטע צרה[39] פֿון אַלע תּלמידים – די קאָנווערבן. און אַז דערצו איז נאָך פֿאַראַן אַן אַרײַנפֿיר וואָס דערקלערט ווי אַזוי אויסצוניצן צום בעסטן די אַלע אינפֿאָרמאַציעס, האָט מען אַ ווערק וואָס איז אַ קלאָרער און גענויער וועגווײַזער צו דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. לייענערס קענען זיך איצט אַרײַנלאָזן אין דער אַוואַנטורע מיט בטחון[40] ! לאָמיר זיי ווינטשן אַ שיינע נסיעה[41] !

33. ROSHETEYVES abréviations/abbreviations 34. PRAT-… noms propres/proper names 35. compilation 36. prononciation/pronunciation 37. LOShN-KOYDESh-… d'origine hébraïque/of Hebrew origin 38. accentuation/tonic accent 39. TSORE souci/problem 40. BETOKhN confiance/confidence 41. NESIE voyage/journey.


דער ייִדישער

טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק
אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
אַניק, בערטראַן, זשיל, יצחק,
נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.

AEDCY

Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03
Tél. : 01 42 71 30 07

**מעדעם־ביבליאָטעק**

Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
Tél. : 01 48 03 20 17
medem@yiddishweb.com
מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com


## ענטפֿערס אויף דער אַנאַגראַם־שפּיל :

טימיאַן (thym/thyme)
מאָן (pavot/poppyseed)
דאָרן (épine/thorn)
זאַנג (épi de céréale/ear of grain)
גרינס (légume/vegetable)
ווערבע (saule/willow)
גראָז (herbe/grass)
טייטל (datte/date)
שניט (moisson/harvest)
מאָך (mousse/moss)
בליִ (floraison/blossoming)
רעטעך (radis/radish)
טאָפּאָל (peuplier/poplar)
שטעקעלע (bâton/stick)
פּרי (PEYRE fruit)

